
FURNISHED ROOM
GM

מעינקע
קאַץ

# דריי
# שוועסטער

צווייטע אויפלאַגע
ערשטע אויפלאַגע: מילוואָקי תרצ״ב — 1932

„דער הונגערטאַנץ״ (הילע): גאַי מערטשי (ניו־יאָרק 1932)
די צייכענונגען אין בוך גופא: רימאַנטאַס דיכאַוויטשיוס (ווילנע 1992)
פאָטאָגראַפיע צום סוף: מעינקע בשעת ער האָט געאַרבעט איבער די „דריי שוועסטער״

פאַרלאַג „דריי שוועסטער״
ראָזון ד׳וויילז
תשנ״ג
לפ״ק

1 9 9 3

Menke Katz

# Y Tair Chwaer

## (Three Sisters)

This volume was published through the generosity of

TAMARA KERR
(New Paltz, New York)

who knew Menke Katz from the days of Three Sisters

Ail argraffiad — Second edition

Argraffiad cyntaf — First edition
Milwaukee 1932

© David Katz 1993
ISBN 1 874386 02 1
cedwir pob hawl — all rights reserved

Darlun y clawr — Cover illustration
**THE HUNGER DANCE**
**Guy Murchie (New York 1932)**

Darluniau — Illustrations
**Rimantas Dichavičius (Vilna 1992)**

Llun ar y clawr cefn — Photo on back cover
**Menke Katz tra'n gweithio ar Y Tair Chwaer — Menke Katz when he worked on Three Sisters**

**Gwasg y Tair Chwaer — Three Sisters Press**
Cae Fadog Farm
Rowen, County Gwynedd
Wales LL32 8YP
Britain

# דריי שוועסטער

I



אַזויפֿל סעגלען ברענען
ווען שטאַרקע נעכט קאָרטשען זיך אין דרייען,
און אַלע זיינען
מיינע      מיינע
מיינע
און אין יעדער סעגל איז פֿאַראַנען
יעדע שוועסטער — מיין שענסטע ליד,
בענקט זיי אוים — אַן עלנטע שפּין
אויף אַ בלינדער שויב פֿון מיין ליידיק הויז;
שפּאַרונעס פֿאַנגען זייערע שאָטנס
ווי גלגולים פֿון ערגעץ אַנטלאָפֿענע;
האָב איך ליב זיי אַלע דריי,
און גיי אַזוי מיט וויטן אָפֿענע
פֿאַרליבטע נעכט פֿאַרביי.

איינע ווייזט זיך קעגן מיר
ווי אין אַ טויטנצעל אַ לעצטער פֿאַרנאַכט,
גיי איך קעגן איר ווי דורך אַ שפּיגל
מיט טריט פֿון אומבאַקאַנטע געסט
און צעפֿראַל זי ווי אַ וואונדער אַ פֿאַרמאַכטן,
הערט זי אין מיין גאַנג —
געבראַזג פֿון אַ קברנס רידל,
פֿאַרגייט זי אַזוי באַנג
ווי פֿלאַטער פֿון אַ שטאַרבנדיקער קראָ
ערגעץ אין אַן איינזאַמען נעסט.

איינע מיט דורכזיכטיקע לענדן
וואָס רייסן זיך פאַרקאַשערן דאָס קלייד,
איז פון צייטיקייט געבויגן
ווי פולע תבואה פאַרן קאָסען,
ווי באַלד וואָלט אימיין אָן טריט און אָן רייד
אויסוויקלען זיך פון תאוותדיקע נעכט,
און אויפן גאַס דאָ קעגן זון איר שענדן.

און די דריטע
איז פון האַרבסט אַן אָפּגעבליטע,
קוקט זי שטאַר אַזוי
אויף זיך און גאַנג פון צייט,
און איז שוין גרוי
פון זוכן זיך אַליין אין ווייט.

אין צעהויקערטן חשכות — קייטלען זיך
פאַרלאָשענע טעג אין אַ ריי,
מיין שאָטן ווי אַ להכעיסדיקער מת
קרימט מיך נאָך אויפן צעקנייטשטן ציך,
די דריי שוועסטער — מיינע שענסטע לידער
רייפן אין מיין חלום ברוין און בלאָנד,
און איך, מיט תאוותדיקע גלידער
און צער פון הונגעריקע צוויי מעת־לעת,
אויף מיין שלאָפלאָזער בעט
זינג דאָס ליד פון אַלע דריי,
און פאַרנעם ווי קעגנאיבער,
די לבנה אויף ברודיקן גרעט
חלומט פון מיינע לידער.

## די ערשטע שוועסטער:

יינגל פון נאַכטיקן לאַנד —
רייס אַראָפּ פון מיר דאָס בלויזע העמד,
כ׳וויל ליגן פאַר דיר נאַקעט — אומפאַרשעמט;
זאָל נאָר גרינען אין די האָר דער שמאָלער באַנד
און קוקן מיט שרעק אויף אונדזער שפּיל,
ס׳האָט די לבנה געשפּאָלטן זיך אין האַלב
און האַלדזט זיך מיט די קליידער אויפן דיל,
און באַהאַלט זיך אויס אין יעדן פאַלד.

צענעם מיך
אין רייפע פערזן פון אַן ערשטגעבאָרן ליד
זאָל וואונדער פאַר וואונדער זיך ניט שעמען,
איך ליג פאַר דיר אָפן און אָנגעגליט
און הער,
ווי ס׳ריידן זיך צוזאַמען גליד מיט גליד.

געפין מיך
אין די וויטן פון אַן אויסגעטרוימטער וועלט,
און צעפאַל איבער מיר
ווי פאַרשפּעטיקט רעגן איבער דורשטיק פעלד.

לייז מיך אויף אין וועלטן פון שגעון,
כ׳וועל זיך טונקלען אויף דיין בעט פאַרלאָשן
און קוקן לאַנג
שטאַר און בלאַנק,
ווי אַן אָפּגעשטעלטער וייזער אויף פאַרגאַנגענע שעהן.

## אירע דריי
## ניטגעבאָרענע ייִנגעלעך:

.1

זיי פּוסטעווען אַרויס פון די קלענסטע שיכעלעך
אין די פינקלענדיקע פענצטער פון פולע קראָמען,
און שרייבן ניטגעשריבענע לידער
אויף אומבאַרירטע בלעטער פון שוואַרצע אַלבאָמען.

זיי גרויען אַרויס פון זונפאַרגאַנגען
ווי פינטעלעך שרעק קעגן גאָט,
און פאַרגרויען מיט די ווידערקלאַנגען
פון יעדער שטאָט.

זיי וואָלטן אַלע ייִנגעלעך געווען,
יעדער שענער פונעם שענסטן לומפּ;
דורך בלינדע געפאַרן וואָלטן זיי זען
אַ באָרוויסע מיידל ביי אַ פּראָסטן פּלומפּ.

זיי וואָלטן אַלע — דו געווען,
הימלאָזע האַרן פון הינטערהויפן;
מיט האָר צעפּאַטלטער שאַטען
וואָלטן זיי פון טאָג אַנטלויפן.

זיי וואָלטן אַלע — דו געווען,
פון גאַס און ווינט די זינגענדיקע שאַרפן,
אויסשפּילן זייערע זינד
וואָלט אַ מלאכל אויף האַרפן.

האָב איך זיי צו אַ קברן פאַרנאַרט,
און פון מיינע ייִנגעלעך געלאָזן
נאָר מיין אויפגעראַמטע טראַכט,
און פון מיינע ייִנגעלעך געלאָזן
נאָר אַן אייביק מפּילדיקע נאַכט.



פון זייערע זומערן
האָט דער ווינט קיין צוויטן ניט געקליבן,
און ס'האָבן זיי קברים ניט דערוואַרט —
איז פון יעדער יינגעלע געבליבן
נאָר אַ סנאָפּ פאַרשניטענע יאָרן,
איז פון יעדער יינגעלע געבליבן
נאָר קאָשיקלעך מיט פּאָזימקעס און באַרן
אין די גוידערן פון שווערע אָקושאָרן.

האָב איך מיינע יינגעלעך אויף מיסט געביטן,
ראָיען זיך אין זייערע יאָרן
ברעקלעך זון פון קאַרגע פאַרטאָגן —
זיינען זיי די פּורפּורנע לאַטעס
אויף פּוסטע לעבערדיקע שטיבער,
שפּיגלען זיי זיך אויף פאַרדריפּעטע גראַטעס
ווי אויסגעטרוימטע קריגער
מיט אַלטע פאַרגעסענע שפּיזן,
און גייען ווי אַ גאָלדיקער טויט
איינע די אַנדערע אַריבער.

האָב איך מיינע יינגעלעך אויף מיסט געביטן,
ראָיען זיך אין זייערע יאָרן
ברעקלעך זון פון קאַרגע פאַרטאָגן —
שאַרן זיי זיך אַרויס ווי טאָגנדיקע הענט
פון די בלוטיקע שפּאַרעס פון אַ שלאַכטהויז,
און נעמען אַרום
די כאָרכלענדיקע קעפּ פון קעלבעלעך און שאָף,
און פאַרטראָגן
אין מיין וואַכן שלאָף
פון געבונדענע אָקסן אַ לעצטן קלאָגן;
שאַרן זיי זיך אַרויס ווי טאָגנדיקע הענט
פון די בלוטיקע שפּאַרעס פון אַ שלאַכטהויז,
און רייסן אויף
די קעלבערנע וויעס פון גליקלעכע בן־בקועות,
און פירן מיט זייערע שוואַרצאַפּלען
אַ ניטדערבאָרענעם שמועס.

2.

אין שווערער פּאַוטינע — אומרואיקע שפּינען
וויגן זייערע געשטאַלטן,
אין שווערער פּאַוטינע — אומרואיקע שפּינען
האָבן מיינע ייִנגעלעך באַהאַלטן.

ביינאַכט — אויף מיין פּינטלענדיקער סטעליע
סאַזשעט זיי אַ גאַזרער אוים,
און איך — צום גייענדיקן שלאָף געשמידט
צייל אָן קופּעם טריט,
און וויל מיט די ווענט זיך פאַרשטיינען
ווען איך פאַרצייל אַ טראָט;
אין שווערן שטויב — קלייבן זיך
זייערע ניטגערעדטע רייד,
וויל ווערטערדיקער שטויב זיך צערײדן,
וויל אַ ניטדערבאָרן קול זיך צעוויינען —
פּראַוועט די שטילקייט אַ שטומע קאַפּעליע;
מיט אַ פאַרצויגן שטריק — ווערג איך
ווי אַ לעבעדיקע מיין שאַטענענע קלייד,
און טויט — מיט ניטדערבאָרענע אויגן
גיי איך אום אין מיין דרויסנדיקער הויז,
און הער,
ווי ס׳קערן זיך אין ווינט דריי ייִנגעלעך,
און קלער —
שוין צייט מיינע ייִנגעלעך צו זויגן.

אָ שענסטער לומפּ פון גאַסן און פון לידער,
זיי וועלן דיך באַגעגענען אויף דיין לעצטן שוועל,
און קאַפּען ביי דיין צוקאָפּנס
ווי אַ הייסער חלבנער טריפּן,
און פאַרשווינדן —
ווי אַ פּאָכן פון שיידנדיקע הענט
ביים אומעט פון אָפּגייענדיקע שיפּן.

## די צווייטע שוועסטער:

טרויעריקער ייִנגל מיט לויכטנדיקער אומרו
ווי וועלפּישע אויגן קעגן ביקס פֿון יעגער,
איך קום צו דיר
ווי אַ ווייטער יאָמער פֿון פֿאַרבלוטיקטע קוסטעס,
און מיש
פֿון מײַנע יונגע טעג — די פֿאַרוויאַנעטע בלעטער.

צו צוועלף יאָר בין איך געווען אַ קורווע,
און געוויקלט מײַן לײַב אַרום אַלערליי מענער,
איצט ברודיק איך אַוועק אין ציכטיקן געלעגער
און ס׳איז מיט זנות געגרייט מײַן אויסגעפּוצטער טיש.

צווישן געלאָדענע ביקסן פֿון פֿאָלעסער באַנען,
וואָס האָבן בעסטיעבלוט געפֿירט,
קעגן זון און באַריקאַדן,
האָב איך מײַן בלאָנדקייט פֿאַרפֿירט
אין צעשפּילעטע שויסן פֿון מעסעריונגען;
איבער קברים איז די ווײַט געפֿלויגן,
און געפּרואווט מיטן טויט זיך פֿאַרמעסטן —
אויף יאָגנדיקע רעלסן האָט דער טויט געזונגען
פֿון טויטע ראָבן וואָס פֿאַרווערימען די נעסטן;
אויף יאָגנדיקע רעלסן האָט דער טויט געזונגען
פֿון מאַרך און שאַמפּאַניער וואָס טשאַדען
אין אָפֿענע שאַרבנס — און פֿאַראָדערטע דילן.

חלומות פֿאַנגען מיך אין פֿאַרבלוטיקטע ווענדלעך
און צעלייגן מיך — טויט און הויל,
ווי אויף טהרה־ברעטער;
איבער מיר
ראָיען זיך פֿוילנדיקע גלידער
און צעראָיען מיך ווי אַ ווערימדיקע בייט.

ערגעץ פֿאַר סקעלעטנדיקע קופּעס,
דערציילן מיינע סודות פֿלוידערדיקע גרילן;
ערגעץ אין פֿאַרוואַקסענע אָקאָפּעס,
איז נאָך ווייסקייט פֿון מיין לייב פֿאַראַנען
אויף צעשאָסענע בייכער פֿון טויטע זשלאָבעס.



## די דריטע שוועסטער:

אויף בית־עולמס שטילע
בלאָנקט זי אום אַליין,
און קלאַפּט מיט קאַלטע פינגער
אויף אויסגעקריצטן שטיין.

מיט נאַכט און רוים
ביינגט זי לייכט
דאָס אייביק שווייגן פון די טויטע,
און מעסט די קברים פון ברעג צו ברעג
מיט שטילע טריט און האַרבסטיקע שעהן.

*   *
*

מיין ראַשיק בלוט — מיין ווילדער אומרו
צעפּראַלט מיך פענצטערדיק — ביי אַ פינצטער שוועל,
זע איך די דריי שוועסטער — אין דרעמלענדיקער וייט,
גיי איך אין חושך לעבעדיק און העל
און אַלץ איז מוראדיק אַזוי און גוט,
וויל איך פאַר אומרו וואָיען מיט דעם היצלם הינט,
וויל איך פאַר אומרו שטאַרבן זיבן מאָל;
לעמפּעלעך פאַרקלערטע פינקלען ווי מיין בלוט,
און קלערן אוים
אויף יעדער שטיין אַ האַיאַצינט
און פינקלען אוים
אויף סקווער און געסעלע אַ פינקלענדיקע פעלד;
קלעטערדיקע שטעט רייפן מיט ברוינעם שטאָל,
גרינלעכע הייזער בליען איבער
און צעפאַלן פון לאַנגווייל און צייטיקייט
און זיינען זיך אַליין מקבר אין אייגענע גריבער.

אָ, ראַשיק בלוט, אָ, ווילדער אומרו, —
ווי זאָל איך,
ווי געסעלעך פאַרלאָזן און קרום,
אין קרומען חושך זיך צעוואַרפן?
ווי זאָל איך,
ווי געסעלעך פאַרלאָזן און קרום,
דרימלען אויף צעקאָרטשעטע שאַרפן?

אָ, ראַשיק בלוט, אָ, ווילדער אומרו,
פינצטערער און דולער
האָבן שטיבער זיך באַהאַלטן,
פינצטערער און דולער
שטייגן דרייאיקע געשטאַלטן:

דאָס גאַנצע צייטיקייט פון זון און קאָרן
האָט היינט געבראַכט מיר איינע,
אין אַ בלאָנדן קראַנץ אירע יאָרן
וועט מאָרגן ברענגען מיר די צווייטע,
און די דריטע
האָט שוין נעכטן
ביי אַ פלויט אַ טויטע
איר נאַקעט שאָטן אויסגעשפּרייט,
און גערעוועט טויטערהייט
ווי אַ סאַרנע נאָכן שעכטן.

אויף מיינע ווענט
ציטערט ווי לעשנדיקער שימער
אַ שאָטנדיק געפלעכט פון אַלע דריי,
איינע צעבליט מיין ווינטערדיקע שטוב מיט מאַי —
מיט די לעבעדיקע ריחות פון איר ברוינער לייב;
איינע מיט זאָמען פון פאַרלייזיקטע סאָלדאַטן
ווייזט זיך לויטער —
אַ צוועלפיעריק מיידל
מיט גרינע סטענגעס אין די בלאָנדע צעפּ,
ווייזט זיך לויטער
ווי איך — דער לומפּ מיט אומשולד אָראָמאַטן;
און איינע צעשיט זיך אין שטערן
און זילבערט זיך אויף מיין אַשיקער גאַזרער,
און וויל
העל און שטיל
אַ שטערנדיקע הערן
פון מאָרגנדיקע דורות אַ ווייטן קול.

אַזויפל פרילינגס אין מיין ווינטערדיקער שטוב
צענעמען זיך אין שמעקנדיקע גלידער
הויל און שלאַנק,
און פאַלן אַוועק ווי פאַרשניטענע פעלדער
רייף און באַנג,
שפּאַן איך ווילד אַהין,
שפּאַן איך מילד אַהער,
און זינג דאָס ליד פון ברוין און בלאָנד —

בין איך ווי אַ וואונדערלעכער סאָד מיט זאַפט און טרויער פול:
אַמאָל,
אויפגעגרינט און שיכור
פון רייסנדיקער גבורה
און פון די פינפאונצוואַנציק זומערן מיינע;
אַמאָל,
שרעקט מיך מיין אייגן שאָטן,
וואָס רוקט זיך פּנימלאָז צו אַ תליה
און צעטאַנצט זיך פלוצלונג — פלאַפלדיק און דול,
ווי האַלבנאַכטיקער
טריפ טריפ
טראָפּ
פון בלינדע הייזעריקע קראַנען.

# II



## ביינאַכט „דאַונטאַון"

אויף מיינע געסלעך — די גרויע הייזער
רייסן זיך נאָך ליכט,
ווי מיט פֿאַרשאָרענע פֿליגלען בלינדע קראָען.
אויפֿן „וואָלוואָרט" טורעם — די קריכנדיקע ווייזער
פֿאַרצערן פֿון טויטפֿאַרמשפּטע די לעצטע שעהן.
אין טונקעלע אַלייען שטייפֿט זיך די שטילקייט
ווי אויפֿן האַלדז פֿון אַ נעגער אַ פֿאַרצויגענע שטריק.
אימיין דורך גראַטעדיקע שויבן
ווייזט פֿון סאַקאָ און וואַנזעטי דעם לעצטן בליק.
יונגע רויבער לויפֿן
ווי נאַכטוואַנדלער אויף מויערשפּיצן;
אויף ברודנע הויפֿן
שוואַנגערן קעץ — און קראַנקע נעכט האָרכן
פֿון ניטדערקוילעטע קינדער
ווייטע, האַלבדערוואָרגענע שאָרכן.

פון טוכלע קעלערם — בידנע יאָרן
קוקן דול און אויסגעברענט
ווי גוסס־דיקע ליכט פון קברים־שטיבלעך;
קרענקלעך דאַרע הענט
הוידען אַלטפאַרשטויבטע וויגן,
בלייכע קינדער וואַקסן —
אויף פלאַכע בריסט פון קראַנקע מאַמעס;
אין פאַרבאָרגענע ווינקלען
רויטלען זיך גיפטיקע פלעקן,
און ווייזן פון אַ שווינדזיכטיקן יינגל
אַ לאַנגפאַרגעסענע געזיכט.
שמאָלע שטריק
ציען זיך ווי שלעפעריקע שלאַנגען.
אין אַן אַלטן פירהויז
שוואַרצט זיך אַ בעטלערישער שטעקן.
אויף קלויסטערטרעפ
דרימלען פאַרוויאַנעטע זונות,
און זעען זיך אין גיהנום
מיט בראַנדיקע לייבער און אָפּגעהאַקטע קעפּ.

## די געווינערשוועסטער

ס׳האָט זי האַרבסט פאַרקערט
צו אַ פרעמדער טיר
ווי שטויב פון טויטע בלעטער,
אין אַ ווינקל —
נאַכט און האַלבפאַרקילטע גלידער.

הענט ניטגעבאָרענע רייסן איר טראַכט
קעגנאיבער ברענט דער טויט אויף רויטע ביימער;
און זי און גאָלד,
און זי און טרויער,
טוליען שטאַרקער זיך צום קאַלטן מויער.

# אין אַ פּראָסטיקן הויז

פּאַר נאַקעטע זויגלינגס — אין אַ פּראָסטיקן הויז
ווייזט זיך די נויט
אין קליינע טרונעס — אַ שפּאַן די גרייס;
און פון יעדן ווינקל
שאַרט זיך שמאָל און נייגעבאָרן דער טויט.

אין בלוילעכע הענט פּרירט אַ שטומפּיקע שער,
און זעגט פּאַר תּכריכים — טרויעריקן געוואַנט;
פון ערגעץ אַ געשטאַלט
וויגט זיך אַהין און אַהער,
און פאַרוויגט די וועלט אין אַ זאַמדיקער האַנט.

אַ געבויגענע מאַמע איבערן שטויביקן וויגל
מעסט פון באַרמענע די הייך און ברייט —
ווייט אין פאַרהאַנגענעם שפּיגל,
באַהאַלט זיך אויס
דער פאַרלאָשענער חלום פון זון און ברויט.

רעדט דאָס הויז מיט נאַכט און רידלגעקלאַנג,
טרויערט דאָ די מאָרגנדיקע פרייד,
ווי אַ בלינדנס רייד
קעגן די נאָענטע פייערן פון זונאויפגאַנג.

אויף שוואַרצע שויבן
פאָרן זיך שאָטנס פון טויטע מיט שנייאיקע וואַזאָנעס,
און ס׳פאַלט אויף אַלץ די נאַכט
ווי געוויין פון ניטדערקווילעטע וואָראָנעס.

# די דריי שוועסטער
# אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט

.1

יעדנס מאַרך — אַ רויכערדיקע שטריק,
יעדנס בליק — אַ קריכנדיקע שפּין,
אויגן —
קוקן ווייט און גרין;
הייסער פיבער צינדט די שויבן,
און ווערטער — ווי צעבויגענע רינגען
קייקלען זיך צעקרימטע אין די ווינקלען,
און פאַלן פאַרחלשטע פון וואַנזין,
ווי קראַנקע שמעטערלינגען
אַרום אַ ברענענדיקן קאַמין.

.2

לאַנגע וויעס פון אַ בלינדער מיידל,
פון פאַרלאָשענע הענט אַ קאַלטער קראַנץ —
פאַרליבטע הערן — ניטגערעדטע רייד,
נעווראָסטענישע ווענט אין אַ קרומען טאַנץ;
אין גוססדיקן לאָמפּ זייער פרייד
לעשט זיך אַרויף און אַראָפּ,
און פלעכט פון זייערע שאָטנס —
אַ וויגנדיקן צאָפּ.
דאָס בלינדע מיידל מיט פאַרליבטע חושים
שאַרט זיך ווי וואַנזין צו די פענצטער,
איר בלינדקייט הילט די העלע שפּיגלען —
ווי מיט שוואַרצן קרייט די געשפּענסטער
מאָלן טויטנמיטות אויף די ווענט:

— ווער וועט אין מיר זון אויפריגלען,
אויב ניט דו, אָ ליבסטער,
מיט מאַרך אויף דולע פינגער;
אויב ניט דו, אָ ליבסטער,
פון בלינדע וואונדן דער זינגער.

3.

גרינלעכע באַקן און דאַר ברויט
צווישן בילדער פון טויטע און שטאַרע ווענט,
פון בידנע טעג אַ שוואַרצער שנור —
איינע צענעמט דעם לאַנגווייל אויף די הענט,
און זוכט פון זיך אַ שפּור
אין אַ פאַרשטויבטער בילד פון אַ בלאָנד קינד;
איינע מיט ריסן פון פאַרשניטענע זאַנגען,
און שעהן צעבונדענע ווי לויזע פענטעם;
און איינע — טויב און בלינד
שטייט געשמידט צו זיך אַליין
און הערט מיט טויבע פינגער
פון פאַלנדיקע וועלדער דאָס געוויין.

# אַ הויז אַזאַ

אויפֿן אוראַלטן בוידעם אַ וואַנזיניקער יונג;
אַ קינדערישער ארון און אויסגעוויינטע בלומען —
פֿון מיינע לידער אַ בית־עולמדיקער שטומען,
פֿון גאָרער וועלט — אַן אויסגעדרייטער צונג.

אַן איבעריקער מענטש איז שוין דול
פֿון ברודיקן די טעג — ווי אַ לעבעדיקע כמאַרע;
ווילדע נעכט זיינען פֿול
מיט שטערנדיקער שרעק און שימל פֿון גרינלעכע שפּאַרעס.

אויף פּראָסטיקע שויבן — אַן אויסגעטרוימטער וואַלד,
פֿון שענסטן בוים בליט אַ טהרה־ברעט
פֿאַר דיר און מיר;
פֿון אַלע זונפֿאַרגאַנגען — אַ בלוטיק פֿלעק,
און אַ שווינדזיכטיק מיידל וואָס טרויערט אַוועק
ווי אַ פֿאַרגייענדיק ווינט ביי אַן איינזאַמען קלאַוויר.

*    *
*

קומסט צו מיר
מיט שטילן רויש פון דיין וואָרט
און צעפּורפּורסט מיך אין טויזנט פאַרנאַכטן —
איז גוט מיט דיר אַזוי צו זיין דאָ אויף דער וועלט,
און אָטעמען די פּראָסטע לופט פון דרויסן.

איצט היטן מיר
די העלע טריט פון טאָג,
און גוט איז אונדז צו טראַכטן
אַז באַלד קומט די נאַכט
און ברענגט אונדז רו,
און אין דער נאַכט
נאָר איך און דו
און שטילע חורבהדיקע וויטן.

*   *
*

די טראַנטעם אויף מיין לייב
דערציילן דיר פון נאַכט און פעסלעך מיסט
און אַז איך ליב דיך לומפּישער ווי „דיק" דער גנב,
אָ מיידל
מיט פעלד און רייפע בריסט:
פריי ווי האָבאָיונגען
און מיט אומרו פון טויזנט באַנען,
לאָמיר גיין דער וועלט אַנטקעגן;
און קומען מיר אין אַ לאַנד,
איז אונדזער היים — אַלע שטעט;
און קומען מיר אין אַ שטאָט,
איז אונדזער היים — אַלע גאַסן,
און יעדע היים — גאָלע פענצטער,
און ליכטיק
ווי דער ווייטער וואַנדערוועג אין מיינע אויגן.



*   *
*

דורך פּיין און שטאָל די רעוועדיקע שטאָט
שטייגט איבער מיר אין אומרואיקן גליווער,
ווי אַ קלעטערדיקער גולם מיט אויסגעפּיקטע אויגן.

קעגנאיבער
וואָיען אַלטע שיפן אויף זייער בלעטערדיקער קינדהייט
געכאָוועט אין ווילדע בעריאָזעווע וועלדער,
וואָיען אַלטע שיפן אויף זייער בלעטערדיקער קינדהייט,
און זעען זיך אין חלום — יונגע אומבאַרירטעביימער.

טורעמשפּיצן צענעמען די הייכן
ווי ס׳וואָלט די שטאָט פאַר לאַנגווייל זיך אויפהענגען;
פון לבנה דאָס קרענקלעכע געשטאַלט
רוקט זיך איבער שטאָט
ווי פון וואַנזין אַן אויסגעשיילטע קאָפּ,
זע איך די דריי שוועסטער אין לבנונדיקער ווייט
און שפּיר נאָענט
די צייטיקייט פון זייערע ווייטע גלידער.

אין שטיינערנעם פּאַרק פון שטיינערנע צווייגן
רייפן זיי אַראָפּ
ווי פּאַרן צעווייקל פון בליטן,
און באַגעגענען נאַכט מיט זאַלין און ברויט;
זייער שיינקייט פלאַטערט דורך געפּאַרן
ווי אין ווינט פּאַלנדיקע צוויטן —
שפּירט דער אַלטער פּאַרק
ווי ס׳רינט דער זאַפּט פון זייערע יאָרן,
און ס׳רעדט דער אַלטער פּאַרק מיט בלעטערגערויש:
זייערע טעג דערמאָנען אָן שטייגן,
אָן ענגע ווענט
וואָס האַלטן שטאַר
צווישן גרויע ציגל איינגעקלאַמט די נויט.

# III

## דאָס ליד פון אַ ממזר

ס׳האָט אַ יונג פּאַרזייט מיין לייב
אין מיין מאַמעס טראַכט,
אין שפּעט פון נאַכט
ביי אַן אַלטן פּלויט;
געוועזן איז מיין מאַמע
יעדן וואוילן יונג אַ ווייב,
אַמאָל — פאַר אַ לייוונטקלייד,
אַמאָל — פאַר אַ לאַבן ברויט.

איצט,
ווען פאַרנומען האָט מיין מאַמע,
אַז שווער
הענגען די מידע הענט אויף אַקסלען,
און ווי צוגעבונדן
וויגט זיך פיבערדיק די גרויע קאָפּ,
זיצט זי
ביים קאַלטן שיין פון גאַזרער,
און הערט:
ווי אין אַלטן בלוט קריכט פויל דער אָטעם,
ווי אויף די געלע באַקן
יאָגט זיך טרער נאָך טרער.

איצט איז מיר נאָענט
דאָס אייגן לייב פון מיין פרעמדן טאַטן,
וואַקס איך שטאַרק און הפקרדיק
אויף דער באַזרי מיט פּראָסטע יאַטן,
און זוך צווישן זיי
דעם וואוילן יונג — מיין טאַטן.

*   *
*

איך בין נאָך שענער
פון יענע קורווישע ווערדלעך,
וואָס האָבן געזען דיך
פאַרקאַשערן דאָס קלייד — פאַר אַלערליי מענער.

שיין בין איך, אָ שיין,
ווי אַ פאַרליבטער זעלבסטמערדער
איבער אַ לבנהדיקן טייך געבויגן,
דורך מיינע גלידער ציט דאָס בלוט
ווי פון פלייטן אַ ווייטער געוויין.

איצט,
ווען איך וואַרף זיך אויף מיין בעטל
ווי אויף גליענדיקער זאַמד אַ שטומער שלייען
און טראַכט פון וויפל יונגען דו ביסט אַ ווייב,
הוידען די ראָמטיקע ספּראָזשינעס אויס
אַ געלאַף פון בלוטן צערעוועטע,
זע איך דיך הינטערן שטעטל
מיט הייסע זאָמען אין געפלאַצטער לייב;
ווי אַ פאַרבלוטיקט העמד
פאַרציט זיך איבערן וועלדל דער פאַרנאַכט,
און דו — אַ הוילע צוועלפיעריק מיידל
צווישן זעלנער מיט קעפ פאַרמשפּטע צום שלאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאַכט קלייבט צענויף איר גאַנצן טרויער
און פורעמט אויס אַזאַ מענטשן,
וואָס שלעפּט דעם שימל פון דיינע יאָרן —
און גייט אויס
ווי פלעמלעך ליכט אַרום אַן ארון.

אין לעכער פון ווענט
האָב איך זיך פון דער וועלט באַהאַלטן,
דיין בלאָנדקייט
קוקט אַרויס פון פוילע שפּאַלטן
מיט פאַרלאָשנקייט און גרויל,
הער איך
ווי ס׳רעדט די וועלט
מיט אַ סקעלעטנדיקער טויטער מויל,
חלום איך —
אַז אימיין האָט דאָ אויסגעטראַכט די שטאָט,
אַז מוראדיקע וועזנס מיט שטיינערנע פליגל
האָבן זיך נאָר אויף אַ ווייל פאַרקליבן;
חלום איך,
אַז פון דיר און מיר
איז אַ פאַרלאָזטער פרירנדיקער וויסט געבליבן —
סקראָבע איך פאַר שרעק מיין אייגן שאַרבן;
אַ פליגעלע זאָגט ווידוי אויף אַ פּינטל שטויב,
און דערציילט מיר אירע סודות פאַרן שטאַרבן.

איך בין דער האַר פון הינטערהויפן,
פון קרעציקע נעכט און היימלאָזע קעין,
איז ווי זאָל איך, אַ האַר אַזאַ, אַנטלויפן —
און אויף הפקר איבערלאָזן
מיין האָב און גוטס — מיינע היימלאָזע קעין?

פון מיינע הויפן
האָט זיך די זון פאַר שרעק באַהאַלטן,
אויף אַלץ אַרום
וויאַנעט דער חושך ווי אַ צוגעלעגענער מת,
און ס׳ראָיען זיך אין שטויב —
גרויע אָפּגעריבענע געשטאַלטן.

פאַרליבטע טראַנטעס האַלדזן זיך אַרום מיר
און הילן
מיינע יונגע לומפּישע ביינער
מיט צעביסענע אַרבל און צעקאָרטשעטע רוקנס;
די דריי שוועסטער
שמעקן מיט רייפן וויב און פאַרברוינטע קוכנס,
נאָר איך,
צעהובלעט פון אייגן אומרו און פרעמדע דילן,
הונגער אַרויס דורך אַ בייזער טיר
און וואָגל אום אין אָקסענע חלומות,
גרייט אַ לעבעדיק פעלד צו פאַרצוקן,
גרייט — מיט אָוונטדיקע בהמות
פאַרגרויען אין דעם מאָך פון אַן אוראַלטן שטאַל,
און דורך פאַרשפּאַרטע ווענט — ווייט און מעלה־גרהדיק קוקן.

* *
*

ראָיע איך זיך קעגן זון ווי ווערימדיקע מיסטן,
ראָיע איך אוים מיינע טעג אין עלנטן פּאַרק,
אויף באַגינענדיקע צווייגן,
דין און פיבערדיק ווי מיינע פינגער,
פאַרגייען אָוונטדיק
די דריי שוועסטער — מיינע שענסטע לידער;
ראָיע איך זיך קעגן זון ווי ווערימדיקע מיסטן,
ראָיע איך אוים מיינע טעג אין עלנטן פּאַרק:
איבער מיר
שלעפּן טויטע הורן אַ צעקנייטשטע נאַכט,
און נישטערן, סקעלעטנדיק ווי דער פּאַרק,
פראַנצעוואַטע באַפּלוידערטע קונים,
נאָר קיינער וועט די שרעק אַליין ניט גלעטן.
איז אפשר זאָלן זיי דער זון זיך אָפּגעבן,
און ווי געשענדטע מתים זיך בעטן:
צוריק אין די טרונעס,
צוריק אין די טרונעס.

אָ, דריי שוועסטער — מיינע שענסטע לידער
איך ראָיע זיך קעגן זון ווי ווערימדיקע מיסטן,
און שפּיר אייך איבער מיר
ווי אַ שלייכן פון טויטע הורן,
און שפּיר אייך איבער מיר
מיט אוראַלטע בליקן און צוגעפוילטע בריסטן.

# דער הונגערטאַנץ

קלעטערט אויף סירענעס אַ זונפאַרגייענדיקער ריז
און זוכט דעם העכסטן טורעמשפּיץ זיך צו הענגען —
וויגט דער טאָג זיך אַ געקוילעטער
אויף קעלערשויבן און אויף טורעמנעזער,
גאָלדיקט זיך יעדע גאַס ווי אַ היימלאָז בעט,
יאָגן רויטלעכע אויגן
ווי פון ווינט געטראָגן — פאַרבלוטיקטע קאַרעלן;
לויפן הינט מיט צעקאָרטשעטע פעלן
נאָך אייגענע שאָטנס ווי נאָך רייצנדיקן רויב,
און ריידן ווי שטומע מיט די פינגער,
און וואָיען אוים ווי שטומע
דאָס ליד פון איבעריקע צינגער.

פאַר וועמען ס׳איז די גאַס אַ היימלאָז בעט,
וועט באַלד ווי איך
מיט עלנט לייב — קאַרבן טרויעריקע רינגען
אויף וואַכע שטיינער פון פאַרקלערטע ראָגן,
און פאַרשטיין פאַרוואָס
געסעלעך צעקאַרבטע קענען אויך ווי מענטשן קלאָגן.

הערט דער פראָסט ניט אויף זיך דרייען
מיט היימלאָזע ציינער אין דין־דין קאַראַהאָדן —
ווייזט דער טויט זיך אַזוי נאָענט און פראָסט,
ציען ווי פון אוראַלטע קברים מתימדיקע רייען
און בלייבן ווי מצבות שטיין ביי יעזוסעס נשמות —
ווי פון ערגעץ וואָלט געטראָגן זיך אַ לעצטער רוף
און באַפעלט זיי אויפצולייזן זיך אין פראָסט;
הערט דער פראָסט ניט אויף זיך דרייען
מיט היימלאָזע ציינער אין דין־דין קאַראַהאָדן —
שפּילן ליפּן ווי אויף פראָסטיקע דראָטן:

שטומער, שטומער, הונגער מײַנער,
שטום אַרויס,
פֿון בלאָנדזשעניש פֿון אויגן און צער פֿון ביינער,
דו ביסט מײַנער, מײַנער, מײַנער;
שפּילן ליפּן ווי אויף פּראָסטיקע דראָטן:

קרומער, קרומער וואַנזין מײַנער,
קרים זיך אויס
אין בלאָנדזשעניש פֿון אויגן און צער פֿון ביינער,
איך בין דײַנער, דײַנער, דײַנער.

וואַלגערן זיך גאַסן ווי איך און דו
אין שטויב פֿון יעזוסן און ליד פֿון ווינט,
בין איך — אומרו
פֿון וואַנזיניקע אויגן און צעבײַטשטע הינט;
בין איך — אומרו
פֿון פֿאַרליבטע אָדלערס וואָס פֿאַלן פֿון הייכן —
פֿאַרלאָזטע מײַלער חלומען פֿון זון און פֿלאָדן,
ווילן ערד און הימל זיך דערגרייכן,
רייסט זיך נאַכט און עלנט פֿון צוגעפּראָרענעם צעמענט,
שוואַרצט זיך אויף יעדער שטיין אַ גאַסנפּנים,
האָבן נאַכט און עלנט זיך דערקענט —
האַלדזן זיך היימלאָזע שאָטנס

ווי לאַנגצעשיידטע וואַנדערער,
און פֿאַלן ווי אַ שטיין אויף אַ שטיין
איינער אויפֿן אַנדערן,
און בראַזגען אויס
אַ הונגערטאַנץ אויף עקשנותדיקן באָדן —
טאַנצן מתימדיקע רייען
ווי צעראָיעטער עלנט פֿון פֿאַרוואָרלאָזטע רואינעס,
און מאָנען
מיט בית־עולמדיקע גלידער
ב—ר—ו—י—ט!
דאַכט זיך אַז דאָ טאַנצן ניט קיין ברידער,
נאָר טרויעריקע פֿאָנען,
וואָס דער טויט אַליין האָט אויסגעשיילט
פֿון קאַלטע הויטיקע פֿאַסן,
און צעווייגט זיי דאָ
ווי אַ געבעט פֿאַר דערפֿראָרענע גאַסן,
וואָס קאָרטשען זיך ווי אין אַ פֿייערדיקן פּויסט,
און רעווען מיט קולות פֿון אָטאָם און פֿון מענטשן:
ר—אַ—ט—ע—וו—ע—ט!

איבער שטאָט
וואַכט די לבנה ווי אַן אויפֿגעדרייטער שלאַנג,
און ס׳דאַכט אַז באַלד —
און פֿון אַלץ וועט בלייבן נאָר אַ ווייטער קלאַנג,
וואָס וועט ביים זונפֿאַרגאַנג אַמאָל נאָך קלאָגן;
און ס׳דאַכט אַז באַלד,
וועלן שטיינער זיך צעברויזן — וועלן גאַסן זיך צעיאָגן.

# IV

## ביינאַכט

איך שרעק די בלענדנדיקע לאָמפּן
מיט שוואַרצקייט פון אויגנלעכער,
און שפּאַן אַזוי אַ הויכער און אַ ווילדער
מיט פאַרלאָשענע גלידער איבער דעכער.

מיין בלוט אויף זייערע ווענט —
קרומלעך רויטע שנורן,
און ס׳זיינען מיינע שפּורן:
אַ רויטבאַפלעקטער מעסער,
און שעהן צעבויגענע פון שווערן טרויער
אויף זייערע קאַלטע שלעסער.

*  *
*

איך בין פון זון און מענטש אַוועק,
און צייל אוים מיינע טעג
צווישן מייז אין פייכטע לעכער,
ס׳איז יעדע מויז אַ גוטע ווי מיין מאַמע —
און זאָגט מיר מיט איר פלינקן עק
ווען איך בין טויט און ווען איך לעב.

אָרעמע קליינינקע מייזעלעך
שפּילן זיך אַ גאַנצע נאַכט אין טויט,
אין פאַרוויאַנעטע מערעלעך
און פּיצעלעך קרויט;
אָרעמע קליינינקע מייזעלעך
שטעלן די גרויסע לעבנס אין קאָן,
פאַרהיט איך זיי פון אַלדאָסבייז
און טראָג קעגן יעדער מייזעלע
מיין שאָטן ווי אַ מייזישע פאָן.

האָב איך פון אַלע מייז
אַליין זיך קעניג אויסדערוויילט,
און פיר זיי מחנותווייז
דורך שמאָלע אימהדיקע היילן —
ברודיקט זיך פאַר זיי מיין העמד
ווי אַ גרייטע קויטיקע ציך,
און אַ היים זיינען אויך אַמאָל
מיינע גראַמע צעבוכטשעטע שיך.

איך בין פון זון און מענטש אַוועק,
און צייל אוים מיינע טעג
צווישן מייז אין פייכטע לעכער;
פון פינצטערע קאַנורעס
איז מיין פעל שוין אָפּגעריבן,
נאָר שיין בין איך מיט בלענד פון לעבעדיקן סאַמעט,
און רעווע
ווי אין פיינלעכער באַהעפטונג די שענסטע שוועסטער:
— פאַראַגולט! פאַראַגולט! פ=אַ=ר=אַ=ג=ו=ל=ט!
אַזויפיל מייזעלעך, מייזעלעך, מייזעלעך,
זיינען מיר דאָ אויף דער וועלט געבליבן.

## בלינדע מייז

װען לעכער קוקן פֿון די װענט
װי אױגן פֿון אַ טױטן,
שאַרן זײ זיך
בלינדע איבער דעכער,
און חלומען
װי איך און דו
פֿון זון און פֿרישע ברױטן.

יעדע אױג
גרױט אַרױס מיט ראָסט
װי פֿון װאַנט אַן אַלטער שרױף,
זײנען קען מיט צײן געלאָדענע
גרײט אױף יאַגד אין יעדן הױף.

װען אָװנט גײט
װי אַ פֿײַערדיקער רײַטער איבער דעכער,
און ס'איז יעדע שױב — אַ גאָלדיקגרינער װאָרים,
גרױען זײ אין די לעכער
װי שטױב אױף אַלטע קברים.

*   *
*

נאָר סעגלען קען מיין בליק פאַרנעמען,
בין איך אין אַ סעגלדיק מאַרך געפאַנגען
ווי אַ מטורפדיק פליג אין אַ שפּינוועב —
ציען זיך יאָרטויזנטן אין צעפליקטע שנורן,
זיינען אַלע איבערמאָרגנס שוין פון לאַנג פאַרגאַנגען.

איך האָב צענומען אויף נאָדלען די געהירן
און צעצונדן מיין געביין
מיט גאָלדיקע ליכט פון פאַרגאַנגענע טעג —
גיי איך איבער זיך אַליין
ווי דורך אַ לאַבירינט פון ברענענדיקע טירן.

פון אַלין אַרום
שלאָגט דער קרענקלעכער רויך פון וואַנזין,
און שטאַר און שטום
וויג איך זיך אין ראָסט פון יאָרן
ווי אין אַ ווינקל שטוב — אַן איינזאַמע שפּין.

# צו מיין בלאָנדער קינד

פון האַרבסט דער גאָלדיקער טרויער
איז אין דיר, מיין בלאָנדע קינד, געראָטן,
האָט מסתם דער ווינט
פאַר דיר אַזויפל בלעטער אויסגעשאָטן,
נאָר צייט האָסטו די טויטע בלעטער קלייבן,
פון האַרבסט דער גאָלדיקער טרויער — וועט
אָן דיר, מיין בלאָנדע קינד, ניט בלייבן,
פאַר מיר איז שטאַרבן שוין צו שפּעט.

אַ רגע ווי אַ חלף האָט דיר דורך מיר געפירט,
וואַלגערט זיך אין דיר מיין בלוט
ווי צער פון ברענענדיקע פאַרנאַכטן —
ביסטו רייך מיט הינטיש בלוט
מיט היימלאָזער גאַס און הונגעריקע טעג,
ביסטו אַ מיידעלע פאַרטראַכט
און וואונדערלעך ווי מיינע לידער;
אונטער דער אומרואיקער הויט פון דיינע נעגל,
פיבערט די נאַכט פון ערשטער באַהעפטונג;
אויף אַ הייפעלע ערד — גענוג פאַר אַ וואַזאָנע,
האָבן די דריי יאָרן דיינע שוין אויסגעמאָלט
אַזאַ שיינעם בלוטיקן סעגל,
איז ווי זאָל דיך דער טויט ניט האָבן האָלט,
אָ, בלאָנדע, האַרבסטיקע קינד,
אַז אויף דיין קראָענדיקן וועג
פרייט זיך שוין ניט איין וואָראָנע
און מיט נעכט זיינען בלינד
דיינע ליכטיקסטע טעג.

און אויב ס׳איז דיר גוט אַזוי
אויף דיין קראָענדיקן וועג,
טאָ זינג זשע מיין ליד אָט אַזוי:
אַז מען בייט ניט קיין מידע וואָכן אויף בידנעם לוין,
זיינען בלאַנק אויף די לומפּישע הענט
פון אַרבעט די מאַזאָליטע שפּורן;
אַז מען שטריקט פון באַגינענס פּורפּורנע שנורן,
איז יעדער באַגינען אַ פּורפּורנער קרוין,
אַז דער יונגער קאָפּ ווערט גרוי
פון שטערנדיקן שיין און ראָסט פון צייט,
און מען בלאָנדיקט, אָ, בלאָנדע קינד,
נאָך בלאָנדער ווי די זון אויף אַ דאָרן,
צעוואַלגערט מען הינטישער די טראַנטעדיקע יאָרן.

און ווען דער גוטער טויט קומט אָן,
דאַכט זיך — אַ פּאַרקלערטער מלאכל רייט
און פּאָכעט סתם אַזוי אַ שוואַרצע פּאָן.

# זעלבסטמאָרד

ווי ס׳וואָלט אַ וואַלד אַ דעמבבענער
געבאָרן מיך אין האַלבענאַכט,
בין איך ווי אַ פינצטער דעמב — שטאַרק און מוראדיק,
וואָלט איך גערן ווי אַ וואַלד אַ דעמבבענער
אין האַלבענאַכט זיך צעצינדן,
אָדער גאָר אַליין זיך בינדן
און פירן זיך אין שחיטה־הויז קוילען ווי אַ ביק.

כ׳וועל אַמאָל מיט זיך אַליין זיך געזעגענען,
צום לעצטן מאָל ווייזן זיך אין שפּיגל,
און מיט מיין אייגן פגר די וועלט באַגעגענען.

נאָר פינפאונצוואַנציק פרילינגס
האָב איך פון אייביקייט דאָ אָנגעקליבן,
און יעדער פרילינג
איז ווי דורך באַבלומטע טרונעס געגאַנגען,
איז וואָס איז פון מיר אַצינד פאַרבליבן
אויב ניט די אַלע זונפאַרגאַנגען;
שוין וואָלט איך מיין פרילינגדיקן קאָפּ
געביטן אויף ווערימלעך אַ טאָפּ;
שוין וואָלט איך פון יעדער קלייד
פון די דריי שוועסטער — מיינע שענסטע לידער
פלעכטן זיך די שענסטע שטריק,
און ערגעץ אויף אַ בוידעם זיך אויפגעהאַנגען.

צווישן חורבות לייזדיקע און שיידימדיקע שויבן
וועל איך זיך אַליין ווען עס איז פאַרנאַרן,
און דרייען זיך ווי אַ שליסל אין איבערגעדרייטע שלעסער;
צווישן חורבות לייזדיקע און שיידימדיקע שויבן
וועל איך זיין אַליין אַ לעבעדיקער מעסער,
וועל איך מיין אייגן האַלדז ווען עס איז באַרויבן.

## די דריי שוועסטער
## נאָך מיין טויט

אין חלום פון מיינע קינדער וועל איך אומגיין
אין זאַמדיקע תכריכים — לבנהדיק און ווייט,
און זען ווי זייערע מאַמעס — מיינע שענסטע לידער
ווערן פון אַנדערע יונגען אויפדערצייט.

מיט בלויזע העמדער
איבער די גליאיקע לענדן פאַרהויבן,
וועט יעדערע אויף איר שיכורן בעט
מיך דערקענען אין אַן אַנדער יונג,
און זיך הוידנדיק אויף נייע דורות — וועט
די פינצטערניש אַרויסשטעקן מיין צונג;
אַ שאָרך — אַ סקריפּ פון אַ שיינענדיקן וועזן
וועט דערמאָנען זיי אָן מיינס אַ וואָרט,
ווייזן וועט דער ווינט ווי איך טאַנץ אויף די שויבן,
ווייזן וועט אַ לײדיק אָרט
אַז איך בין אַמאָל געוועזן.

נאָר די פֿאַרמאַכטע טיר וועט הערן
ווי איך, דער נאַכטוואַנדלער, גיי אום,
און ווי אויף אַן אַלטער באַנדורע בים־באָם־בום,
וועט יעדע שוועסטער אויפֿגיין איבער מיר
ווי איבער אַ לונאַטיק אַ הוילע לבנה;
און איך — אַ ווערימדיקער ביין,
וועל אין חלל פֿון אַלטעביידעמער זיך באַהאַלטן,
צו באַגעגענען זייערע גרינלעכע געשטאַלטן:

איינע וועט טראָגן אַ ניטדערבאָרן קינד מיר אַנטקעגן,
איינע וועט זינגען מיין שענסטע ליד,
און די שענסטע וועט שניצן פֿון מיין שאַרבן דעם שענסטן בעכער,
און לבנהדיק וועט יעדע קלערן,
אַז איך בין מסתמא
פֿאַרלאָרענע וועגן אַזוינע
וואָס קרימען זיך ווי ווערעם — דול און אויסגעטראַכט;
און לבנהדיק וועט יעדע הערן
ווי ערגעץ אין אַ רעוועדיקער בוינע
פֿאַלט צום חלף צו אַ לעצטע נאַכט.



## ווען די דריי שוועסטער
## וועלן ווערן זקנות

איך וועל זיין טויט — לאַנג שוין טויט,
וועל איך זיך ווייזן — שטויב און צייט,
און שווערע באַבלומטע הענט זיי אָנטאָן
צו קלייבן גרויע טעג ווי נדבות,
וועלן קומען גרויע טעג ווי קבורהלייט
און אויף ברוין און בלאָנד
בלויע אָדערדיקע צווייגן מאָלן,
וועלן זיי דורך הויט און ביין געדענקען
גרויע טעג ווי קבורהלייט,
וועלן זיי דורך הויט און ביין זיך פאַרבענקען,
און שאַרן זיך ווי פּויזנדיקע סאָוועס
צו מיין לאַנגפאַרגעסן קבר.

ווי אַ פאַרעקשנטע ניטדערקוילעטע עוף
וועט איינע לאַנג זיך ווערן מיט איר סוף;
און ווי אַ פאַרעקשנטע ניטדערקוילעטע עוף
גלייך און גאווהדיק
ביי אַן אומעדיקער וואַנט בלייבן שטיין,
און הענגען מיך אַ לעבעדיקן אויף מיין טויטער בילד
מיט אָפּגעמעקטן קאָפּ אויף שטאַרקן עלנבויגן אָנגעשפּאַרט,
און דאַכטן וועט זיך איר
אַז נאָר אויף איר זיין איך אַזוי און וואַרט,
און דאַכטן וועט זיך איר
אַז באַלד וועל איך אַראָפּ פון בילד
און מוראדיק און ווילד —
אַ שפּרונג טאָן צו דער טיר.

איינע וועט קענען אַמאָל — ווי פֿאַר אַ שפּיגל שטיין
און לאַנג די פֿאַרוועלקטע האָר קעמען;
ביינאַכט וועט זי הויל און גיריק
אין גולמדיקן בעט זיך צעלייגן
און חלומען פֿון תּאווה און פֿון מיר,
נאָר טאַפּנדיק בלינד אין ווייטן עבר
וועט זי פֿאַר אירע פֿאַלדיקע בריסט זיך פֿאַרשעמען,
און משוגע אירע אַלטע נאָפּלען זויגן.

און די דריטע
מיט אַ האַרבסטיקן לייב
אָקוראַט פֿאַר אַ שמאָלער מיטה,
וועט שטיל אַרויסשוועבן
פֿון אַ ווינקל פֿון איר שלאָף
ווי אַ לבֿנהדיק ווייב —
פֿאַר מיר דעם נאַכטוואַנדלער זיך אָפּצוגעבן;
איבער אונדז — פֿון שטערן אַ פֿיינלעכער האָגל,
ווי ברעקלעך טויט פֿון לעבעדיקצעריסענע שאָף.



אין רויטפאַרגייענדיקע קליידער
וואָס דערמאָנען אָן מיין לעצטן זונפאַרגאַנג,
וועלן די דריי שוועסטער — מיינע שענסטע לידער
נאַכט נאָך נאַכט ביי מיין קבר שטיין
איבער זיך אַליין געבויגן,
און ווי די שטילקייט — גרויען און האָרכן
דורך אייביקייט מיין גאַנג,
און נאָענט וועל איך פאַר זיי אויפגיין —
אַ ווייטער שרעקעדיקער שאָרכן,
און נאָענט וועל איך פאַר זיי אויפגיין —
אַ גליד פון יעדנס גלידער,
און צעפאַלן
ווי אין ווינט צעשאָטענע בליטן,
און טויט און יונג
וועל איך האָפן אויף דערגאַנצונג,
ווי אין ווינט צעשאָטענע בליטן.

## די דריי שוועסטער
## נאָך זייער טויט

אַ קרעציקער הונט וועט שלאָגן מיט אַלעמען כּפּרות
און ערגעץ גריזשען גליד נאָך גליד,
וואָלקנס וועלן אויף הפקר לאָזן זייערע נאָרעס
און מיט טויטע, שיידימדיקע טריט איבער דעכער גיין,
ווי פֿון די דריי שוועסטער — מיינע שענסטע לידער
וואָלט געבליבן נאָר אַ שיידימדיקער קלאָגן.

דורך פֿראָסט און ווינט
וועלן זיי ווי וואָיענדיקע נעכט זיך טראָגן:
איינע וועט פֿון אַן אַלטער קראָ דאָס פּיצל קאָפּ פֿאַרצוקן,
איינע וועט מיט אַ פֿאַלנדיקן שטערן ווידוי זאָגן,
און איינע וועט אַ באַמאָלענע שויב אין דרייען שפּאַלטן.

געזונטע קינדער וועלן חלומען אין זאַטע וויגן
אַז זיי רייסן זיך פון אַ שפּינוועב ווי קראַנקע פליגן;
אין „קרעמל"
וועט די שרעק אַליין זיך אויגעדיק צעשרעקן,
לענין וועט פון מאַראַנירטן שלאָף זיך וועקן —
און צעוואַרפן זיין געשטאָפּטן האַרץ און שטערן,
און ווי דער שענסטער זונפאַרגאַנג — ניט ווערן

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

בין איך טויט, לאַנג שוין טויט
און טויט זיינען די דריי שוועסטער — מיינע שענסטע לידער,
בין איך נעכט פאַרוואָרפענע אין אַ קברים־שטיבל,
בין איך — נעכט פאַרבראַכטע מיט דריי שוועסטער,
און גרוי אין האַלבענאַכט אַרויס
ווי ראָסט פון אַ פאַרלאָזטער הויז;
איבער מיר:
ביינער פון גופימלאָזע קברים
האָבן אַליין זיך אויפגעקליבן,
און שטעלן זיך צענויף,
און טויטע, גופימלאָזע מיידלעך,
און יעדערע רעווועט מיט אַ זאַמדיקן קול
אַז נאָר איר זאָל איך ליבן;
און איך — אַ ניטגעשטויגן וואונדער,
שלענגל זיך ווי אַ וואָרים
און אַקער שמאָלע דרייאיקע אַלייען —
און גיי אַ בלינדער צלם אויף
איבער שמאָלע דרייאיקע אַלייען.

און אַלע שאָטענען מיר זיך אַרויף
ווי שטייענדיקע מתימדיקע ווענט,
און לייזן זיך אויף
אין ערגעצניט
ניט לאָזנדיק פון זיך קיין איינציק צווייט.

אין לבנהדיקע נעכט אויף אַ הינטערהויף
וועט אַמאָל אַ נאַכטוואַנדלער ווי איך נאָך זען
צווישן די חורבות פון אַן איינגעפאַלן הויז,
ווי די טויטע שוועסטער — מיינע שענסטע לידער,
פאַלן אויף אַלטע צעבויגענע בעטן
און הייבן אויף זיך ווידער
ווי פון חרובע, ריטערלעכע קאַרעטן;
אין לבנהדיקע נעכט אויף אַ הינטערהויף,
וועט אַמאָל אַ נאַכטוואַנדלער ווי איך נאָך הערן
שטאַר און לאַנג —
ווי די שוועסטער אין די קברים שטומען
און דערמאָנען אַזוי באַנג,
אַז איך וועל מער ניט קומען.



